שמשון אַפּטער

# די הײַנטיקע יידישע ליטעראַטור־פֿאָרשער

אַ דאַנק און אַ לויב זיין ליבן נאָמען, וואָס ענדלעך איז די יידישע ליטעראַטור אַריין אין די הויכע פענצטער. מען שטודירט זי שוין אין די אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע, אין ישראל, אין ייוואָ און אין פיל אַנדערע וויכטיקע ליטעראַטור־אינסטיטוציעס.

מיט איין וואָרט, אונזער יידישע ליטעראַטור איז אַרויס פון דער שוסטער־גאַס. מען פאָרשט די קינסטלערישע און שפּראַכלעכע אויפטואונגען פון דעם שוסטער־קאַמאַשנמאַכער מאַני לייב, דעם שניידערס זון איציק מאַנגער, און אים צו לאַנגע יאָר, דעם בן־מורה־הוראה, דער איצטיקער נאָבעל־פּרייז־געווינער יצחק באַשעוויס־זינגער און אַנדערע.

דאַרף מען דאָך זינגען שבחים צו די, וואָס טוען דאָס און זיך פרייען, וואָס מיר האָבן דערלעבט אַזאַ דערהויבענע צייט פון אַ נייער דערוואַכונג אין יידישן קולטור־לעבן, בפרט ווען מיר זעען, אַז די פאָרשונגען ווערן געטאָן פון יונגע מענטשן, היי־געבוירענע און דערצויגענע אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן די יידישע ליטעראַטור, זענען דורכגעדרינגען אין זייער אַרבעט און זענען גוט באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג און די שטרעמונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן אויך די מעלה, וואָס זיי האָבן אַ צוטריט צו אוניווערזיטעטן און פאָרש־אינסטיטוציעס. קיינער קען, למען השם, נישט זיין קעגן דעם, אַז יונגע מענטשן, געלערנטע, זאָלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פאָרש־טעטיקייט פון אַזאַ קאָמפּליצירטער עובדא, ווי פאָרשן די יידישע ליטעראַטור.

די שאלה איז בלויז צי זענען שוין די אַלע יונגע מענטשן, די נייע פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור באמת ראוי אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט, אין גרויסע פאָרש־אינסטיטוציעס, אָן שום אָפּפרעגן זייערע אויספירונגען? און פון וועלכע קוואַלן קומען זייערע באַגרינדונגען, וואָס פיל מאָל זענען זיי טענדענציעז און גייען אין אַ פאַלשער ריכטונג און פאַרלייקענען באַטייטנדיקע ווערטן פון די פאַרגאַנגענע יידישע פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער?

דער יונגער טאַלאַנטירטער ליטעראַטור־פאָרשער דוד ראָסקעס האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי איינעם פון די יערלעכע ייוואָ־פאָרומס א. נ. „די שטראָמען פון דער יידישער ליטעראַטור". ביי יענעם רעפעראַט זענען געווען פאַרזאַמלט אַ סך יידישע שרייבער און קולטור־טוער. מען איז געווען דערשטוינט פון דוד ראָסקעס נישט־ריכטיקע באַגרינדונגען. דערצו האָט מען קיינעם נישט געוואָלט געבן קיין מעגלעכקייט צו באַווייזן זיינע נישט־ריכטיקע אויספירונגען, וואָס קענען גאָר ברענגען שאָדן דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס זענען די טעותדיקע אויספירונגען פון אַזעלכע יונגע פאָרשער, ווי דוד ראָסקעס וכדומה? פריער פון אַלץ מינימיזירן זיי די ווערטן פון אַלע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע זענען אויפגעקומען און מיטגעגאַנגען מיט אַלע ליטעראַטור־גרופּירונגען, וואָס זענען אויפגעקומען אין אַמעריקע. אין בעסטן פאַל מיידן זיי אויס די גרופּירונגען צו דערמאָנען. זיי ווילן נישט באַנעמען און פאַרשטיין די גרויסע ווירקונג, וואָס די שאַפערישע יידישע ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג האָבן געהאַט אויף דער שטייגנדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי באַגרייפן נישט די גרויסע דערנערנדיקע השפעה, וואָס די יידישע ליטעראַטור־קריטיק און פאָרשונג האָבן געהאַט אויף דעם רעשיקן וואוקס פון דער גרויסער און רייכער ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע און איז איינציק און אייגנאַרטיק אין דער גאַנצער יידישער וועלט־ליטעראַטור.

זיי ווילן נישט זען די קריטיקער שמואל ניגער, נ. ב. מינקאָוו, ב. ריווקין, נח שטיינבערג, יעקב גלאַטשטיין, א. טאַבאַטשניק, שלמה ביקל, דר. אליהו שולמאַן און אַ סך אַנדערע.

די באַשולדיקונג איז, אַז די קריטיקער זענען געווען בלויז אויסן צו פּאָפּולאַריזירן די ליטעראַטור, דער לייענער זאָל זי פאַרשטיין. די קריטיקער זאָלן כלומרשט האָבן די שאַפונגען בלויז רעצענזירט און נישט קריטיקירט, אָדער געפאָרשט אין דעם לאַבאָראַטאָרישן פּראָצעס פון זייער שאַפן. מען באַשולדיקט זיי אויך, אַז זיי זענען געווען צו אידעאַליסטיש, זיי האָבן געזוכט בלויז אידייען אין דער ליטעראַטור, אַ מינוס אין דער שאַפערישער קונסט.

די אַלע און נאָך אַנדערע צוגעשפּיצטע אויספירונגען זענען נישט ריכטיק און בעיקר נישט באַגרינדעט פון אָנהויב ביזן סוף. די יידישע ליטעראַטור־קריטיקער — שמואל ניגער, בעל־מחשבות, און אַנדערע מעבר־לים און דאָ אין אַמעריקע — זענען אין זייערע פאָרשערישע עסייען און אין זייער ליטעראַטור־קריטיק נישט בלויז אויסן געווען „פּאָפּולאַריזירן די יידישע ליטעראַטור", צו רעצענזירן די געשאַפענע ווערק, נייערט זיי האָבן אויך דערזען און אָנגעוויזן די סטיליסטישע, שפּראַכלעכע, עסטעטישע און אויך עטישע ווערטן פון

זאַמקייט ווערט געלייגט אויפן דערציאונגס־געביט, כדי אַנטקעגנווירקן אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען, די דעמאָראַליזירנדיקע אויסווירקונג פון די דייטשע נאַצישע טויט־לאַגערן.

אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אַן עקזעקוטיוו און אַ פּלענום, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטרעטן פאָרשטייער פון אַלע אַרבעטער־ און קולטור־גרופּן. נאָך אַ קורצער צייט ווערן אַדורכגעפירט אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן פאַר דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. בונדיסטן, ציוניסטן און רעליגיעזע פירן אַדורך וואַל־מיטינגען. די וואַלן גיבן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אַ גאָר־בכבודיקע פאַרטרעטערשאַפט און די וויכטיקסטע אַמטן אין דער אָנפירערשאַפט פון לאַגער.

עס ווערט אויך אויסגעוויילט אַ לאַגער־געריכט.

אין פעברואַר 1946 קלינגט דער טעלעפאָן אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. עס רופט דער קאָמענדאַנט פון דער לאַגער־פּאָליציי. ער וויל ריידן מיטן סעקרעטאַר. ער גיט איבער, אַז אַ מיטליאָריקע פרוי האָט געפונען איר מאַן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי. דער מאַן איז אַרעסטירט און וויל זען דעם אָפיציעלן פאַרטיידיקער, וואָס איז אין דער אָנפירונג פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. עס ווערט באַשטימט אַ שעה ווען זיך צו טרעפן.

אין דער קאָמענדאַנטור טרעפן זיך אַלע צדדים. דער קאָמענדאַנט לייענט איבער די נעמען — זאָשאַ, אַדעלע און מענדל. זאָשאַ, אָפּגעצערט, פאַרעלטערט און פאַרביטערט, פאָדערט איבערצוגעבן מענדלען צו דער דייטשער פּאָליציי אַלס ביגאַמיסט.

אַדעלע, 21 יאָר אַלט — צאַרט, באַחנט, רויטע אויגן פון וויינען און שוואַנגערן — האַלט די האַנט פון מענדלען. ער ציטערט פון צער און שרעק. די דריי אומגליקלעכע געשטאַלטן, קרבנות פון דעם חורבן און „העלדן” פון דעם ביגאַמיע־מישפּט, דערציילן זייערע איבערלעבונגען.

נאָך אַ באַראַטונג, באַשליסן די מיטגלידער פון געריכט נישט איבערגעבן מענדלען צו דער דייטשער פּאָליציי, נאָר ער זאָל בלייבן אין דער לאַגער־תפיסה און במשך פון די נאָענטסטע וואָכן זאָל פאָרקומען אַן עפנטלעכער מישפּט.

נאָך עטלעכע שמועסן, אינדיווידועל מיט יעדן פון די דריי, האָט דער פאַרטיידיקער זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, מיט וועלכע אַרגומענטן און פאַר וועמען ער וועט דאַרפן האַלטן זיין פאַרטיידיקונג־רעדע.

צוויי יוריסטן, מיט קענטעניש פון קרימינעלע געזעצן און אַ רב מיט זיין שולחן־ערוך און הלכה. צי וועלן העלפן אַרגומענטן: תנאים, חופּה מיט כוח, באין־ברירה; און פון דער צווייטער זייט — ליבע, באַדינגונגען.

דער מישפּט קומט פאָר אין אַ גרויסן, פול־געפּאַקטן זאַל. עס ווערט געלייענט דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מענדלען. דער באַשולדיקער רופט זאָשען אַלס עדות. אין זיין רעדע ברענגט ער אַרויס די פאַקטן פון תנאים, חתונה און מענדלען שטעלט ער פאָר אַלס דעמאָראַליזירטן ביגאַמיסט, וועלכער פאַרדינט די האַרבסטע שטראָף. ער פאַרלאַנגט תפיסה און אַנולירן די צווייטע, אומלעגאַלע חתונה.

דער פאַרטיידיקער רופט אַלס עדות זאָשען, מענדלען און פרעגט זיי אינטימע פראַגן. אין זיין רעדע ברענגט ער אַרויס אַלע פּרטים פון די צוואַנג־מיטלען און שאַנטאַזש לגבי מענדלען. ער קומט צום אויספיר, אַז די ערשטע חתונה דאַרף ווערן אַנולירט. ער אַפּעלירט צו די ריכטער, זיי זאָלן נישט גורם זיין, עס זאָל געבוירן ווערן אַ יידיש קינד אַ ממזר, ווייל אַדעלע איז אין זיבעטן חודש.

מיט שפּאַנונג האָט מען אויסגעהערט דעם פּסק־דין. דער אורטייל איז געווען: מענדל דאַרף גטן ביידע פרויען, פרייער אויסוואַל פון צוריק חתונה האָבן און עטלעכע חדשים תפיסה פאַר נישט מאַכן געגנוג זיכער צי זאָשע לעבט.

כמעט אין דער זעלבער צייט זיינען געקומען קיין פעלדאַפינג די פאָרשטייער פון „אינטערנאַציאָנאַלן רעטונגס־קאָמיטעט” און פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק וועגן אונזער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. די בונדיסטן זיינען געווען כסדר פאַרנומען מיט צוגרייטן ליסטעס, אויפזוכן חברים און אַנדערע טעכנישע ענינים, פאַראַלעל מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין פעלדאַפינג. איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט מענדלען אין תפיסה און זיך געטראָפן מיט אַדעלען. ביז היינט מאַטערט מיך דאָס געוויסן, וואָס איך האָב פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי. דערפאַר זיינען זייערע נעמען פיקטיווע.

---

דער קומענדיקער נומער „אונזער צייט” — דער אָרגאַן פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד”, וואָס דערשיינט שוין אין 39סטן יאָר — וועט זיין אַ פאַרגרעסערטער, אין שייכות מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב — דער 1־טער מאַי.

אין דעם נומער וועלן זיך געפינען באַגריסונגען פון טרייד־יוניאָנס, אַרבעטער־רינג ברענטשעס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און פיל יחידים. צווישן זיי, האָפן מיר, וועט אויך זיין אַ באַגריסונג פון אייך.

מיר בעטן אונז צושיקן דעם טעקסט מיט אייער טשעק ביזן 10־טן אַפּריל.

מיט פריינדשאַפט,
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
„אונזער צייט”

יצחק קאַהאַן (מעלבורן)

# מיניאַטורן פון נאָענט און ווייט

## פראַנץ קאַפקאַס „בריוו צו פריינד, פאַמיליע און רעדאַקטאָרן"

פראַנץ קאַפקאַס ווערק ווערן געטייטשט און אַריינגעטייטשט פונקט ווי קבלה־ספרים במשך פון דורות. מען זוכט אויך אין זיין קאָרעספּאָנדענץ אַ שליסל צו זיינע ביכער און געדאַנקען. דאָס בוך, וואָס איז לעצטנס איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש (דורך ריטשאַרד און קלאַראַ ווינסטאָן), איז כולל קאַפקאַס בריוו מכל־המינים. זיי זענען דאָך געווען זיין בעסטער אופן פון קאָמוניקירן זיך מיט מענטשן, מיט וועלכע ער איז געווען אין קאָנטאַקט אין פאַרשידענע צייטן. בריוו שיקן, האָט ער באַמערקט, זענען ווי דאָס באַשפּריצן זיך מיט וואַסער דורך צוויי מענטשן, וואָס געפינען זיך ביי ביידע זייטן פונעם ברעג, אָפּגעטיילט דורך אַן אָקעאַן, און צו דעם צוגעגעבן: „איך געטרוי נישט קיין ווערטער, קיין בריוו".

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ פּאַראַגראַף, וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין אַן אַלבום פון אַ מיידל: „ווערטער זענען לעפּיש... אָבער עס איז פאַראַן אַ לעבעדיקע זינפולקייט, וואָס גייט דורך איידל, ווי אַ לייכטער האַנט־באַריר איבער אַלץ, וואָס איז אומפאַרגעסלעך... אין אַזעלכע ווייסע אומפאַרלאַנגענדיקע זייטלעך, ווי די, אויף וועלכע איך האָב אָנגעשריבן דעם 4טן סעפּטעמבער, 1900".

די בריוו זענען באַגלייט מיט געהעריקע אויפקלערונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ געטריי קאַפקאַס לעבן, אין וועלכן „גאָרנישט געשעט", אויסער זיין גערעאַנגל צו שרייבן, זיין לעבן זאָל קענען הויזן צוזאַמען מיט זיין שרייבן. זיין פריצייטיקער טויט האָט אָפּגעהאַקט ביידע: זיין יונג לעבן און שאַפן.

אין דעם בוך פעלן די בריוו, וואָס ער האָט גע־

---

קומען נישט מיט די געפינסן, וואָס ליגן גלייך אַרום זיי אויפן היגן באָדן. נישט חנא שמערוק וועט דערפאָרשן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. אפשר אַנדערע. אפשר אַנדערע פאָרשער, אויב זיי מיינען דאָס ערנסט, וועלן עס דערגרייכן.

סיי אין זיינע פאָרשונגען, וואו ער קען נאָך אַ ביסל פאַרקאַמופלאַזשירן זיינע טענדענציעזע כוונות, סיי אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האַלט שמערוק אין איין זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור האַלט ביים אונטערגיין, אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין האָפענונג פאַר איר צוקונפט. עס זאָגט זיך אַ ווערטל: „פאַר אונזערע פריינד זאָל אונז גאָט באַשירעמען, פאַר אונזערע שונאים וועלן מיר זיך אַליין פאַרהיטן". דאָס קען מען זאָגן וועגן פּראָפעסאָר חנא שמערוק.

גראָד איצט, ווען די גאַנצע קולטור־וועלט האָט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג די נייעס, אַז מען האָט צוגעטיילט דעם יידישן שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, וואָס איז אויך אַן אָנערקענונג פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס יונגע אַמעריקאַנער יידיש־פאָרשער טאַנצן קדוש פאַר אים, זיך צוגעאיילט און אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אונזער יידישער ליטעראַטור.

לאָמיר דאָ ציטירן זיין דערקלערונג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט דעם 6־טן אָקטאָבער פ. י. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער „העראָלד־טריביון" אין פּאַריז: „פּראָפעסאָר שמערוק פון ירושלימער אוניווערזיטעט האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז ער (יצחק באַשעוויס זינגער) איז דער גרעסטער מעשה־דערציילער אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אָבער טרויעריק, ווי עס זעט אויס, אַז עס איז דאָ אַ קליינע צוקונפט פאַר דער שטאַרבנדיקער שפּראַך, נאָכן אַוועקגיין פון דעם איצטיקן דור פון אַרום זעכציק יידישע שרייבער, וואָס קיינער פון זיי איז נישט יונג".

דאָס זאָגט אַ ייד, אַ פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור, דערצויגן אין אַ יידישער סביבה אין פּוילן, ביי וועמען יונגע תלמידים ווילן דערפאָרשן די גרויסע יידישע ליטעראַטור, וואָס אַ טייל פון זיי שרייבן יידיש און שטרעבן אפשר צו ווערן יידישע שרייבער. וואָס פאַראַ נוצן און צוועק קען מען האָבן, ווען מען האַקט אונטער זייערע יונגע פליגל, זייערע חלומות וועגן יידיש, דורך זאָגן, אַז יידיש איז גאָר אַ „שטאַרבנדיקע שפּראַך"?

ווי קען מען האָבן צוטרוי צו אַזאַ ליטעראַטור־פאָרשער? אפשר איז שוין צייט פאַר זיינע אייגענע תלמידים אויסצופאָרשן דעם ליטעראַטור־קענער און נישט נעמען פאַר עכטן גאָלד זיינע יידישע ליטעראַטור־פאָרשונגען?

עס ווילט זיך בלויז צוגעבן, אַז אויב די יונגע פאָרשער וועלן זיך סומך זיין אויף שמערוקס טענדענציעזן צוגאַנג צו יידיש און יידישער ליטעראַטור, וועלן זייערע פאָרש־אַרבעטן מיט די בעסטע יידישע קענטענישן, מיט די ערלעכסטע כוונות, נישט ברענגען די ריכטיקע רעזולטאַטן.

שריבן צו פּעליס באַוער און צו יעלענאַ דזשעסענקאַ, וואָס זענען דערשינען אין באַזונדערע ביכער. דאָ קען מען נאָר געפינען אָנדייטונגען, אומדירעקטע, צו דער יסורימדיקער אַגאָניע פון זייערע באַציאונגען. אין זיין לעבן זענען נאָך אויך געווען קורצע עפּיזאָדן מיט צוויי אַנדערע פרויען, מיט וועלכע ער האָט איבערגעריסן זייער פרי. עס האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ סענטימענטאַלער פריערדיקער קאָרעספּאָנדענץ און מיט אומקערן זיך די בריוו געשריבן בעת דער חתן־כלהשאַפט. געווען איז דאָס אין 1920.

ווי באַוואוסט איז דאָס מיידל דאָראַ דיימענט געווען זיין לעצטע נאָענטע פרוי. פון דער קאָרעספּאָנדענץ זעט מען אויך (פון זיין געענדערטן אַדרעס), ווען ער האָט זיך אַריבערגעצויגן צו לעבן אין בערלין, און זיין לעצטן ווינטער מיט איר. אָבער אַחוץ אָט די דערמאָנטע דאָ פרויען קענטיקן זיך אין די בריוו די באַקאַנטע זיינע און פריינד, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט. אַ העלפט פון דער קאָרעספּאָנדענץ איז מיט זיין אינטימסטן און נאָענטסטן פריינד, מאַקס בראָד. פאַראַן אויך אין בוך אויסצוגן פון זיינע נאָטיצביכער און טאָגביכער, וואָס דערגאַנצן זיין קאָרעספּאָנדענץ צו די פריערדערמאָנטע פרויען פעליס און מילענאַ.

## דער לעצטער באַנד „גולאַג"־טרילאָגיע

עס איז אָקאָרשט דערשינען אין ענגליש דער דריטער און לעצטער באַנד פון סאָלזשעניצינס „גולאַג"־ביכער (דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין 1974). וואָס עס טיילט אויס דעם בוך פון די ערשטע צוויי, איז דער צוגאָב פון אויפשטאַנדן, וואָס האָבן צעטרייסלט דעם „גולאַג"־סיסטעם אין די 1950ער יאָרן. סאָלזשעניצין שרייבט:

„ווי אַלע פריקרע געשעענישן אין אונזער געשיכטע — דאָס מיינט דריי פערטל פון דעם, וואָס ס׳איז ווירקלעך געשען — זענען אָט די בונטן געווען גוט צוגעגרייטע... די וואָס האָבן אָנטיילגענומען זענען אומגעקומען, ווידער די ווייטע עדות האָבן דאָך געציטערט און געשוויגן, די באַריכטן פון זייער אונטערדריקונג זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן בחדרי חדרים (אומצוטריטלעכע) פאַר אַ זייטיקן אויג. אַזוי אַרום זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטאָס, הגם זיי זענען פאָרגעקומען דאָך נאָר מיט אַ צען און פופצן יאָר צוריק".

דעקט ער איצט אָפּ דעם „מיטאָס" און דערציילט וועגן די „פּאָליטישע" (מענער, פרויען), וועלכע זענען פאַרמישפּט געוואָרן אויף אַ 25 יאָר צוואַנגאַרבעט האָבן אָנגעהויבן זיך צו בונטעווען.

סאָלזשעניצין האָט געזאַמלט באַווייזן וועגן די טורמע־בונטן זינט 1940, ווען וועכטער זענען דערהרגעט געוואָרן און טויערן זענען געעפנט געוואָרן. אָבער קיין מאַסן־אַנטלויף איז נישט מעגלעך געווען, ס׳איז נישט געווען וואוהין צו לויפן. סטאַלינס טאַנקן האָבן גאַנץ שנעל אַרומגערינגלט און אָפּגעשניטן די בונטאַרישע ערטער. אָבער נאָך סטאַלינס טויט (1953) האָט זיך — צייטווייליק — געענדערט די סיטואַציע.

סאָלזשעניצין גיט אַ פאַסצינירנדיקע באַשרייבונג פון דער וואַקלדיקייט, גלייך נאָך סטאַלינס טויט, ביי די שומרים און מאַכט־אָרגאַנען פון גולאַג. בעריאַס טויט און כרושטשעווס באַוואוסטע טיראַדע קעגן סטאַלינען האָבן אַרויסגערופן, אויף אַ מאָמענט, אַ האָפענונג ביי די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען אַרויס אין אַ שטרייק. די שומרים האָבן געוואַרט אויף אינסטרוקציעס פון מאָסקווע צי עס וועט זיך נישט אָנהייבן אַ געמילדעטער רעזשים. פערציק טעג, שרייבט ער, האָבן 8000 אַרעסטאַנטן באַלעבאַטעוועט איבערן לאַגער אין קענגיר (קאַזאַכסטאַן), געשאַפן אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע מיט באַזונדערע סעקציעס. אַרויסגעלאָזט פליענדיקע באַלאָנען — מיט זייער מעסיקע פאַרלאַנגען פון רעפאָרמען — צו דער אויסערלעכער וועלט.

דעם 22סטן יוני 1954 האָבן הילכערס געמאָלדן אַז זייערע פאָדערונגען זענען נאָכגעגעבן געוואָרן און אַ מיטגליד פון צענטראַלן פּרעזידיום קומט ספּעציעל פון מאָסקווע צו אונטערהאַנדלען. דריי טעג שפּעטער איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זעלנער מיט האַרמאַטן און אַטאַקירט דעם לאַגער. טיילן פון די אַרעסטאַנטן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט שטיינער און מעסערס. איבער 700 קאַטאָרזשניקעס זענען אומגעבראַכט געוואָרן און אין קענגיר איז צוריק אָוועקגעשטעלט געוואָרן די לאַגער־דיסציפּלין.

זיינע שילדערונגען פון דעם „יאַגד" נאָך די אַנטלאָפענע פונעם לאַגער און די העלדישקייט (און אויך געפאַלנקייט) פון די אַרעסטירטע האַלטן געשפּאַנט דעם לייענער צוליב דער שוידערלעכקייט אין די באַשריבענע געשעענישן. אָבער וואָס סאָלזשעניצין איז אויסן געווען מיט די אויספירן זיינע, אַז ס׳האָט זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד גאָרנישט געענדערט לגבי מענטשלעכע רעכט, איז פאַר אונז נישט ניי: „די זעלבע פאַררעטערישע געהיימקייט, באַטאָנט ער, — די האָפענונגען זענען אַלץ נאָך דאָ, אָבער קיין געזעץ איז נישטאָ".

## ד"ר מאַרגאַרעט מיד

ווען איך האָב נישט לאַנג צוריק געשריבן וועגן אירע אַנטראָפּאָלאָגישע אַקטיוויטעטן און טעלעוויזיעאויפטריטן, האָב איך נישט געוואוסט, אַז זי ליגט שוין אויפן טויטן־בעט און איר לעבן האָט זיך פאַרענדיקט ביים סוף פון איר 76סטן לעבנסיאָר.

מאַרגאַרעט מיד איז געבוירן געוואָרן אין פילאַ־

לויט שמערוקס אויספירונגען איז יידיש ביי פּרצן געווען בלויז אַ צופעליקייט. איז עס בלויז אַ צופאַל וואָס די דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז דווקא אַרויס אויף יידיש און נאָר אויף יידיש איז פּרץ גרויס און באַרימט געוואָרן? שוין איינמאָל אַ צופעליקייט.

ער הויבט בכלל אַרויס פּרצן, ביי יעדער מינדסטער אָנדייטונג, ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדן גוזמהדיקן אָנווייז, אַז פּרץ איז געווען דער העברעאישער דיכטער, העברעאישער דראַמאַטורג, כאָטש עס איז אים שווער אָפּצולייקענען, אַז פּרצעס העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונג איז ביי אים געקומען נאָר אין יידיש. שמערוק האַלט, אַז דער גרעסטער איינפלוס אויף פּרצן איז געקומען פון העברעאישע קוואַלן.

אַ סך ערנסטע ליטעראַטור־פאָרשער האַלטן, אַז אַ גרויסע ווירקונג אויף פּרצן ביים שאַפן זיין דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז געקומען פון דעם פּוילישן דראַמאַטורג וויספּיאַנסקי, פון זיין דראַמע „וועסעלע" (די חתונה) און געוויס אויך פון העברעאישע און אַנדערע ווירקונגען.

אויף זייט 13 פון „פּרץ ייאוש־וויזיע" שרייבט שמערוק, אַז עס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּרץ איז משפיע געוואָרן פון וויספּיאַנסקיס „וועסעלע", ציטירט פון מ. באַריישאָס בריוו וועגן פּרצן. אָבער שמערוק פּרוּווט דאָס אָפּלייקענען. לויט אים, האָט פּרץ זיך געפילט פון דעם געטראָפן. פּרץ האָט געזאָלט האָבן געלייענט פראַגמענטן פון זיין דראַמע נאָך איידער עס איז דערשינען „וועסעלע". ווי עס זאָל נישט זיין, האָט אויך מאַקס עריק געשריבן אַז פּרצעס בדחן איז אפשר אַ רעפלעקס פון „וויספּיאַנסקיס סטאַנטשיקס טראַגישן, פּוילישן לץ".

אַ סך פון שמערוקס פאָרשונגען זענען אָן ספק גרונטאָוונע, אָבער וועגן פיל פון זיי קען מען האָבן אַנדערע אויספירונגען, וואָס קענען באַווייזן ווערן דורך ערנסטע פאָרשער. יונגע יידישע ליטעראַטור־פאָרשער דאַרפן וועגן זיי זיין זייער פאָרזיכטיק אויסצומיידן שמערוקס טענדענציעזן צוגאַנג.

אינגאַנצן קעגן שמערוקן מוז מען אָבער זיין וואָס שייך זיין צוגאַנג וועגן דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער ראָל פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז לחלוטין נישט היסטאָריש־געזעלשאַפטלעך באַגרינדעט.

שמערוק האַלט, אַז „די אויפגעקומענע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אין דער ליטעראַטור געוואָלט זען מער אַ הילף פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע איידער אַ ווערט, אַ ציל פאַר זיך אַליין" (זייט 198) און אַז מען האָט אויפגענומען אין דער ליטעראַטור נאָר אַזעלכע שרייבער, וואָס זענען געווען איינשטימיק מיט זייערע פּאָליטישע איינשטעלונגען. קען מען דאָס זאָגן, אַ שטייגער, וועגן מאָריס ראָזנפעלד, וואָס האָט אויסגעשריגן זיין צער און צאָרן וועגן זיין אייגן ביטער לעבן אין אַמעריקע? איז זיין ליד געקומען דורכאויס פון באַפעלן? יידישע שרייבער פון ווערט און באַדייט זענען תמיד געגאַנגען זייער אייגענעם וועג, אויסער דורך צוואַנג אין דיקטאַטאָרישע לענדער אין דער שפּעטערער צייט, וואָס האָט זיך פאַר זיי סיי ווי טראַגיש געענדיקט, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. מיינט ער טאַקע, אַז אָן פּאַרטיי־באַפעלן וואָלטן אויסגעוואַקסן גרעסערע דיכטער אין יענער „פּיאָנערן־צייט" אין אַמעריקע? איז דאָס היסטאָריש באַגרינדעט?

שמערוק ברענגט צוגעשפּיצטע ביישפּילן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַז „די יונגע" האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות, מחמת זיי האָבן זיך געפּרוּווט באַפרייען פון דעם הערשנדיקן מצב אין דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט: „מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אידייען אָדער שרייבן פאַר פּראָפיטן באַנאַלע פאַרוויילונג־ליטעראַטור" (זייט 198 ־ 199).

דאָס איז אַ גרויסער טעות פון שמערוקן און איז בכלל אַ נישט־ריכטיקער אויספיר וועגן יענער צייט. אַלע קענער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ווייסן, אַז די „יונגע" האָבן געקעמפט פאַר זייער נייער פּאָזיציע, פאַר דעם ריינעם לירישן ליד. זיי האָבן געקעמפט קעגן די „פּיאָנערן־דיכטער", זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס פּראָפּאַגאַנדע־ליד פון ווינטשעווסקין און ענלעכע צו אים. מיטן אָנקומען פון די „יונגע" האָט שוין דער פּיאָנערן־פּעריאָד סיי ווי געהאַלטן ביים פאַרגיין. דער ברענשטאָף פון די ערשטע, פיל געליטענע דיכטער פון עקספּלואַטאַציע און קראַנקייטן, וועגן וועלכע זיי האָבן געדיכטעט אין זייער ליד, האָט שוין געהאַלטן ביים אויסברענען זיך. די „יונגע" זענען שוין אויפגעקומען אין אַ נייער וועלט פון אַ פאַרבעסערט עקאָנאָמיש לעבן. עס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע אַ יידישע אינטעליגענץ מיט וועלטלעך און יידיש וויסן. די „יונגע" זענען שוין געקומען ווי אַ דערפרישונג־ווינטל פון אַ יונגען פרילינג.

פון שמערוקס באַנעם זענען יוסף אָפּאַטאָשו, א. ראַבאָי, דוד איגנאַטאָוו, זישע לאַנדוי, מאַני לייב נישט אומגעקומען. זיי האָבן זיך נישט פאַרקויפט פאַר פּראָפיטן צו שרייבן „באַנאַלע פאַרוויילונג־ליטעראַטור". די וואָס האָבן דאָס געטאָן, זענען נישטאָ אויף דער מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור.

פון אַזעלכע שמערוקס פאָרשונגען קען מען זיין ווינציק דערגיין צו אַ טאָלק. עס איז באמת אַ שאָדן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר די יונגע גוט־מיינענדיקע יידישע ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס לאָזן זיך אַוועק אויף אומבאַקאַנטע וועגן און

די ליטעראַרישע ווערק. טייל האָבן אויך געפּאָרשט די שטרעמונגען פון דער יידישער ליטעראַטור, זייער עסטעטישע און אידייאישע טרייב־קראַפט, כסדר אָפּגעשאַצט און קריטיקירט זייער ווערט.

דאָס איז קלאָר פאַר יעדן יידישן לייענער און שרייבער. נעמט, נ. ב. מינקאָווס ווערק וועגן „די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". ער פּרוּווט אין זיין פאָרש־עסיי וועגן י. באָוושאָווער געבן אַ פּסיכאָלאָגישע פּאַרטייטשונג פאַרוואָס דער דיכטער, וועלכער איז געקומען פון אַ יידישער סביבה, האָט אויסגעמיטן יידישע טעמאַטיק. מינקאָוו שרייבט: „מחמת ער האָט פיינט געהאַט זיין שטרענגען בייזן פאָטער דעם מלמד". אָדער ווען מיר לייענען קלמן מאַרמאָרס פאַרגלייכונגען וועגן די איינפלוסן פון די פּיאָנערן־דיכטער איינער אויפן אַנדערן, צי גאָר ב. ריוואָקינס עסייען וועגן די שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער אין אַמעריקע און זייער אויפבויען אַ כמו־טעריטאָריע אין יידישן לעבן. דאָס זעלבע אויך ביי פיל אַנדערע קריטיקער און עסייאיסטן. קען מען זיי אויסמיידן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור? די יונגע פאָרשער קענען פון די פריערדיקע פאָרשונגען און שאַפונגען זייערע לערנען, כדי אַליין עפּעס ממשיך צו זיין.

די יונגע פאָרשער האָבן אָבער זיך אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעס פון נייע ליטעראַטור־פאָרשער, מענטשן זייטיקע פון אַן אַנדערש־טראַכטנדיקער וועלט, אַזעלכע וואָס זענען נישט קיין אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זענען פאָרשער, וואָס יידיש לשון, יידישע ליטעראַטור איז ביי זיי נישט דער סאַמע עיקר פון זייער שרייבערישער עקזיסטענץ. מייסטנס זענען זיי טענדענציעזע שרייבער, וואָס זייערע באַגריפן וועגן יידיש און יידישער ליטעראַטור זענען דורכאויס נעגאַטיווע.

אויב די יונגע יידישע ליטעראַטור־פאָרשער מיינען באמת עפּעס צושטייער געבן דער יידישער פאָרש־ליטעראַטור, קענען זיי זיך נישט סומך זיין בלויז אויף די פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס זעען די יידישע ליטעראַטור, יידיש לשון, אין אַ פאַרגליווערטן אָדער אונטערגייענדיקן מעמד.

די יונגע פאָרשער און בעיקר דוד ראָסקעס האָבן אַרויסגערוקט דריי פאָרשער־פיגורן, אויף וועלכע זיי האָבן אויפגעבויט זייער טעזע וועגן די הויפּט־שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זענען: דב סדן, דן מירון און חנא שמערוק, אַלע זענען זיי פון ישראל און זיי זענען מייסטנס פאַרבונדן מיט פאָרשונגען אין העברעאישע אוניווערזיטעטן.

לאָמיר אָנהייבן מיט אַ מער פּאָזיטיוון יידישן ליטעראַטור־פאָרשער: דב סדן. ער איז אַ זייער טשעקאַווער שרייבער, אַ מענטש מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, מיט אַן ענציקלאָפּדישן וויסן. ער האָט אַ סך פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג. זיינע הויפּט־פאַרדינסטן זענען, וואָס ער גריבלט זיך און פאָרשט אויס יידישע פאָלקס־ווערטלעך, אידיאָמאַטישע שטאַמווערטער און פון וואַנען זיי קומען, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט, מיט איין וואָרט — „פון וואַנען די פיס וואַקסן". אויף דעם געביט האָט ער פיל דערגרייכט. דער עלטערער דור שרייבער, וואָס איז געקומען פון דער אַלטער היים, האָט די אַלע ווערטלעך נישט געדאַרפט זוכן אין פאָרש־אַרבעטן. זיי זענען געלעגן אין זייער בלוט, אין זייער געמיט, אין זייער שפּראַך־אויסדרוק. דב סדן האָט זיי גרינטלעך געזאַמלט, אויסגעפאָרשט, זיי געגעבן אַ פאַראייביקטן תיקון אין זיינע זייער נוצלעכע ווערק. פאַר די יונגע, אַמעריקאַנער געבוירענע שרייבער און לייענער זענען זיינע ביכער אַ געוואַלדיקער געפינס. זייער אָרעם יידיש לשון קען אויך באַקומען פון סדנס ווערק אַ היפּש ביסל וואָרצלדיקייט.

אין זיין רעפעראַט האָט דוד ראָסקעס בעיקר זיך סומך געווען אויף דעם ליטעראַטור־פאָרשער חנא שמערוק. מען מוז פעסטשטעלן, אַז אין שמערוקן האָבן די יונגע פאָרשער אַ גוטן לערער, אַ גוטן פאַכמאַן. מען קען אָבער באַין אופן נישט מסכים זיין מיט אַ סך פון זיינע אויספירונגען. שמערוקס ציל איז צו באַווייזן, אַז דער שורש פון אַלע שאַפונגען אויף יידיש קומט דורכאויס נאָר פון העברעאיש, פון די אַלטע און עלטסטע יידיש לשון־קודש־ספרים, להיפּוך פון דעם ליטעראַטור־פאָרשער מאַקס עריקס אויספירן אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון די עלטסטע צייטן ביז צו דער השכלה". מאַקס עריק באַווייזט אַ סך אַנדערע, מער גלויבלעכע קוואַלן וועגן יידישע שפּיל־לייט, אויך מוסר־ספרים און אַנדערע, באַזונדערס פון די ערנסטע עפּישע און ראָמאַנטישע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור, פון די עלטסטע ביז די לעצטע צייטן, וואָס האָבן געווירקט אויף יידישע ליטעראַטור־שאַפונגען.

אין שמערוקס בוך „י. ל. פּרצס ייאוש־וויזיע", וועגן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", שרייבט שמערוק אַז די וואַנדער־געשטאַלט אין דער דראַמע האָט פּרץ פריער אויסגעדריקט אין זיינע העברעאישע שירים, אַז ער איז אַריינגעדרינגען אין זיין דראַמע „די גאָלדענע קייט" דווקא אויף העברעאיש מיט זיין ווערק „חורבן בית צדק". שמערוק שטעלט זיך מייסטנס אָפּ אויף פּרצעס פּלאַנירן און שאַפן די דראַמע אויף העברעאיש, אויף דעם וואָס חיים נחמן ביאַליק האָט מודיע געווען שלום עליכמען, אַז פּרץ האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע וואָס וועט מרעיש־עולם זיין און דווקא אויף העברעאיש.